# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת תרומה | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק


## מילי דחסידא

**ועשו ארון עצי שיטים אמתים וחצי ארכו ואמה וחצי רחבו וגו'.** שמעתי ממורי חמי הקדוש (מהר"ש מבעלזא זי"ע) שאמר: שכל האמות שנצטוו משה לעשות לארון, הכל היה אמות שבורות, אמתיים וחצי ארכו, ואמה וחצי רחבו, ואמה וחצי קומתו, לרמז שאי אפשר לזכות לאור התורה, להיות כלי התורה אלא בשברון לב. (לב שמח)

## דרש דרש

**ויקחו לי תרומה: בתנדב"א כיון שאמרו ישראל נעשה ונשמע מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה,** לכאורה דארף מען פארשטיין דעם שייכות.

ענטפערט דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** אז ווען דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר די אידן, האבן די מלאכים גע'טענה'עט **תנה הודך על השמים.** און דער **בני יששכר** איז מסביר אז דאס איז געקומען מכח די טענה פון בר מיצרא, ווייל די תורה איז אין הימל און זיי געפונען זיך אויך אין הימל במילא קומט זיך זיי די תורה, און נישט פאר די אידן.

דער אייבערשטער האט אבער נישט אנגענומען זייער טענה, ווייל מיר פסק'ענען אז דארט ווי דער מוכר האט שאדן מיט דעם וואס ער פארקויפט דאס פאר דעם מענטש איז נישטא קיין טענה פון בר מיצרא, און וויבאלד די עבודה פון די אידן וואס האבן א יצר הרע און זיי זענען זיך מתגבר דערויף איז חשוב'ער פארן אייבערשטן ווי די עבודה פון די מלאכים וואס האבן נישט קיין יצה"ר, מילא איז דאך דא א שאדן פארן מוכר, און עס איז נישטא קיין טענה פון בר מיצרא.

אין מדרש שטייט אז ווען אידן האבן געזאגט **נעשה ונשמע** איז אויסגעריסן געווארן די יצר הרע פון זייער הארץ.

לויט דעם קומט אויס זייער גוט דער מדרש **בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע,** און זיי האבן מער נישט געהאט קיין יצר הרע, במילא איז די עבודה פון די אידן שוין נישט חשוב'ער פון די עבודה פון די מלאכים, ווייל ביידע האבן דאך שוין נישט קיין יצה"ר, איז שוין נישטא קיין שאדן פארן מוכר, און די מלאכים האבן ווייטער א טענה פון בר מיצרא, וועגן דעם האט דער אייבערשטער געזאגט **ויקחו לי תרומה,** אז די אידן זאלן בויען א משכן אז דער אייבערשטער זאל רוען צווישן זיי, אזוי וועלן די אידן זיין בר מיצרא, און די מלאכים וועלן שוין נישט קענען האבן קיין טענה.

*

**אין מדרש שטייט בשעה שאמר הקב"ה לישראל ועשו לי מקדש שאני משרה שכינתי ביניכם אמרו מלאכי השרת ארץ ישראל נתת להם, תורה נתת להם, א"ל הקב"ה הרי נתתי להם הדינים,** דארף מען פארשטיין וואס האט דער

## מעשה רב

### ויקחו לי תרומה – פירש"י לי לשמי:

**צום הייליגן רבי'ן ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע** איז אמאל אריינגעקומען א אידענע, און זי האט זייער געוויינט, זאגענדיג אז זי איז אן אלמנה, איר מאן איז ל"ע נפטר געווארן, און זי האט נישט קיין ברויט אין שטוב צו געבן פאר אירע שעפעלעך די קליינע יתומים.

דער רבי ר' מאיר'ל האט גענפענט זיין טיש-לעדל, און פון דארט ארויסגענומען א גרויסן סכום געלט, ער האט דאס גענומען אין די רעכטע האנט, און דערנאך דאס איבערגעלייגט אין די לינקע האנט, און דאן דאס אראפגעלייגט אויפן טיש און געהייסן די פרוי זאל דאס נעמען.

ווען די פרוי איז אוועקגעגאנגען, האבן די חסידים געפרעגט דעם רבי'ן "פארוואס האט דער רבי קודם אריינגעלייגט דאס געלט פון די רעכטע האנט צו די לינקע האנט, פארוואס האט דאס דער רבי איר נישט תיכף געגעבן?"

האט זיי רבי מאיר'ל געענטפערט: עס שטייט פון **אריה"ק ז"ל** אז ווען א איד גיט צדקה זאל ער אינזין האבן א הייליגן יחוד דעם שם **י–ה–ו–ה,** דער יחוד גייט אזוי, די פרוטה וואס מען נעמט פאר צדקה איז קעגן דעם י' די 5 פינגער פון די האנט איז קעגן די ה', ווען מען שטרעקט אויס די האנט צו געבן צדקה איז קעגן די ו' און די 5 פינגערס פון די האנט פונעם ארעמאן איז קעגן די ה'. אט דעם יחוד פונעם הייליגן שם דארף מען אינזין האבן בשעת'ן געבן צדקה.

די **משנה** זאגט אבער אין מס' קידושין **"מאן דעסקו עם הנשים אל יתייחד עמהם"** בפשטות איז דער טייטשט אז מען טאר נישט עובר זיין ח"ו אויף איסור יחוד - טייטשט אבער דער הייליגער ר' מאיר'ל - **מאן דעסקו עם הנשים,** אויב איינער דארף געבן צדקה פאר א פרוי, **אל יתייחד עמה,** זאל ער נישט מאכן דעם יחוד מיט איר, ד.ה. אז ער זאל נישט איבערגעבן די צדקה פון זיין האנט צו איר האנט, ווייל די גמרא זאגט דאך א מורא'דיגע שארפע לשון אויף דעם וואס גיט איבער א זאך פאר א פרוי אין די האנט, נאר ער זאל מאכן דעם יחוד מיט זיך אליין, דהיינו, ער זאל דאס איבערגעבן פון איין האנט צו די צווייטע.

דאס איז פשט אין פסוק: **ויקחו לי תרומה,** איז דאך שווער עס וואלט דאך געדארפט שטיין **ויתנו לי תרומה,** ווייל צדקה גיט מען, נישט מען נעמט, אויף דעם ענטפערט רש"י **לי לשמי,** עס איז דא אמאל ווען מען דארף נעמען צדקה פון איין האנט צו די צווייטע, דאס איז ווען עס האט צוטוהן מיט "לשמי" דעם שם י-ה-ו-ה וואס מען קען נישט מייחד זיין ווען מען גיט צדקה פאר א פרוי, דעמאלטס דארף מען צוריק נעמען די צדקה פון איין האנט צו די צווייטע.

רבש"ע מיט דעם געענטפערט פאר די מלאכים.

ענטפערט דער ספר **שתי ידות** פון הגאון ר' **אברהם הזקוני** ז"ל לויט דעם וואס דער מדרש זאגט אז אידישע קינדער האבן געמומען ארץ כנען מכח דינא דבר מיצרא, ווייל מצרים איז בשכינות פון ארץ ישראל.

דער מדרש זאגט אויך אז ווען די אידישע קינדער האבן געמומען די תורה האבן די מלאכים גע'טענה'עט תנה הודך על השמים, איז אויך געווען זייער טענה מכח דינא דבר מיצרא, אז אויב דער רבש"ע וויל עמיצן געבן די תורה זענען זיי די ערשטע וואס דארפן דאס באקומען.

דאס איז דער פשט אין מדרש, די מלאכים האבן גע'טענה'עט **ארץ ישראל נתת להם למה**, פארוואס האבן אידישע קינדער באקומען ארץ ישראל, מוז דאך זיין מכח דינא דבר מיצרא, נו, אויב אזוי למה נתת להם התורה, ווייל די מלאכים זענען דאך נאנטערע שכנים.

אויף דעם האט זיי דער רבש"ע געענטפערט **הרי נתתי להם הדינים**, און די הלכה אין חו"מ (סי' קע"ה) איז אז שותף עדיף ממצרן ומסלקו, א שותף איז פאר א בר מיצרא, און אויב א שותף וויל אפקויפן דאס פעלד האט ער א דין קדימא פארן בר מיצרא, און די גמרא זאגט דאך אז כל דיין שדן דין אמת לאמתו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית, קומט דאך אויס אז יעדער דיין וואס פסק'עט ערליכע דינים איז א שותף להקב"ה במעשי בראשית, וועגן דעם קומט די תורה פריער פאר די אידן ווי פאר די מלאכים.

## מילי דרמיזא

עס שטייט אין מדרש **אל מול פני המנורה הה"ד פתח דבריך יאיר ואתיא כמ"ד י"ז טפחים הוי מנורה.**

**הרה"ק רבי יעקב שמשון משפטיווקא זצוק"ל** פארענטפערט דעם מדרש ווייל עס איז ידיע אז אין די מנורה איז געווען ז' קנים, ט' פרחים, י"א כפתורים כ"ב גביעים, בנוגע די הייך פון די מנורה איז דא א מחלוקה צי זי איז געווען הויך זיבצן צי אכצן טפחים.

דאס זאגט דער מדרש **פתח דבריך יאיר** די פתיחות פון די תורה זענען מרמז ווי אזוי די מנורה איז געווען, ווייל דער ערשטער פסוק אין חומש בראשית האט זיבן ווערטער, א רמז אויף די זיבן קנה המנורה. דער ערשטער פסוק אין חומש שמות האט עלף ווערטער, א רמז אויף די עלף כפתורים. דער ערשטער פסוק אין חומש ויקרא האט ניין ווערטער, א רמז אויף די ניין פרחים. דער ערשטער פסוק אין חומש דברים האט צוויי און צוואנציג ווערטער, א רמז אויף די צוויי און צוואנציג בעכערלעך. דער ערשטער פסוק אין חומש במדבר האט זיבעצן ווערטער, א רמז אויף די זיבצן טפחים פון די מנורה.

# מילי דשמעתתא!

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שני

*

### בינונים א' מחמשים:

דער **בעל הטורים** ברענגט (פר' תרומה) אז דער חצר המשכן איז געווען גרויס 50 איילן אויף 100 איילן, וואס דאס איז א 50' סטל די גרויס פונעם הר הבית, וואס דער הר הבית איז געווען גרויס 500 אויף 500 איילן, ווייל ווען מען רעכנט דאס פער סקוועער 500 מאל 500 קומט אוים 250,000 איילן, קומט אוים איז דער חצר המשכן פער סקוועער 50 מאל 100 איז 5000, דאס איז א 50'סטל.

זאגט דער **בעה"ט** אז דער משכן איז געווען תרומה פונעם הר הבית, און תרומה נעמט מען דאך וואס תרומה נעמט מען אראפ א' מחמישים ווי מיר האבן געלערנט אין די גמרא (קידושין מ"א ע"א) אז תרומה איז א' מנ'.

לכאורה איז אבער שווער השי"ת גיט דאך בעין יפה פארוואס גיט ער נישט א' ממ'?

ענטפערט דער **חתם סופר** זי"ע אז דער משכן איז מרמז אויך אויף די ערשטע 5000 יאר וואס די שכינה הק' איז נע ונד, וואס עס איז נאכנישט דער זמן פון משיח, ממילא האט השי"ת נישט געוואלט מאכן דעם חצר המשכן מער ווי 5000 איילן, כדי ס'זאל נישט זיין מער יארן וואס די שכינה זאל זיין נע ונד.

# יגעת ומצאת!

די קומענדיגע וואך דינסטאג, ז' אדר, געפאלט אויס די יארצייט פון משה רבינו, משה רעיא מהימנא, דער רבי פון כלל ישראל. מיר וועלן דעריבער לערנען די וואך אין די "יגעת ומצאת" פארשידענע ידיעות איבער משה רבינו, וואס ווערט געברענגט אין די תורה, אין דברי חז"ל, פירוש רש"י הק'.

**משה רבינו'ס יחוס? ווען איז ער געבוירן? ווען איז ער נסתלק געווארן? ווען איז ער ארויסגעצויגן געווארן פון טייך? ווען זענען אידן אריבער דעם ירדן? וויפיל נעמען האט משה רבינו געהאט? ווי הויך איז ער געווען? פון וואו האט ער געהאט עשירות? וויפיל טעג האט ער גערעדט מיטן אייבערשטן ביים סנה? וואס האט ער געהאט מיט זיך אלעמאל אין מחנה לוי"? ווי אזוי איז געווען זיין סדר ווי ער האט געלערנט מיט אידישע קינדער? ווער שרייט יעדע דרייסיג טעג "משה אמת"? ווי ווען האט משרע"ה געהאט אן הלכה? ווי זעהט מען אז משרע"ה האט געהאט א טעות? וויפיל צייט איז דער מן, באר, ענני הכבוד, געווען בזכותו? ווען האט ער אפגעשטעלט די זון? וועלכע ברכה האט ער מתקן געווען?**

*

# ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאס ווארט** (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ס')....

**סוכ"ס, סוזק"ש, סו"פ, סת"ם, סג"ל, ס"ק, סד"א, ס"ה, ספה"ק, סוע"ה**